מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **בהעלותך - שלח** תשפ״ה ◆ עלון מס׳: **165**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### איך דארף עס - יעצט!

שטייט א איד מיט א תהלימ'ל אין די האנט און רעדט צו הקב״ה.

״רבוש״ע איך דארף צען טויזנט דאלער״.

דער איד שטרייכט אונטער:

״אבער, איך דארף עס י-ע-צ-ט״.

דער איד איז א שטיקל למדן, ער שמועסט זיך אויס מיט הקב״ה.

״רבוש״ע די גאנצע וועלט געהער דאך צו דיר, וואס וועט שוין געשען אז דו וועסט מיר געבן צען טויזנט דאלער. דו וועסט עס אפילו נישט שפירן״.

אינ'אמת'ן אריין דארף עס דאס איד האבן אין פינף טעג. דאן דארף ער באצאלן פאר א איד א חוב, אבער ער איז נישט רואיג.

אין זיין קאפ לויפן ארום הויפענעס מיט מחשבות, ער האט עצות ווי אזוי ער גייט שאפן דאס געלט, ער וועט ארבעטן מער, אביסל וועט ער מוזן בארגן.

עצות האט ער גענוג, אבער 'סבלנות' האט ער ווייניג. ער גלייבט אז הקב״ה וועט אים נישט פארלאזן, אבער ער איז נערוועז, ער וויל דאס געלט יעצט, אויף די מינוט.

״באשעפער, וואס שטערט דיר״.

אסאך אידן וואס ארבעטן אויף בטחון קענען הערן אז הקב״ה פארזארגט אים מיט אלעס וואס ער דארף, אבער אפילו אז ער דערהערט אז הקב״ה באזארגט אים מיט דער 'וויפיל' און 'וויאזוי', ווייסט ער נישט אייביג אז אויך דער 'ווען' איז א באשערטע זאך.

יעדער זאך אין די וועלט האט א חשבון, יעדע פינטל און פינטל, אפילו אויך אזעלכע קלייניגקייטן ווי 'ווען'.

מער ווי איינמאל מאכט זיך אז א מענטש באקומט געלט פאר די צייט און כדרכו פון א מענטש שפירנדיג אז ער האט געלט אין טאש געבט ער עס אויס און ווען ער דארף עס באמת - האט ער עס נישט.

דער רבוש״ע איז דער רחמן, ער זעט און ווייסט און ער האט זיך זיינע חשבונות און רעכענט אויך אויס דער 'ווען', אין וועלכע מינוט די ישועה זאל קומען.

דער רבי אין פרק ד', ווען ער הייבט אן ארייצוצולייגן די 'בטחון' אין א פראקטישער מצב, רעדט פון דעם און זאגט **וכאשר יבטח באלקים ימצא מנוחת ליבו ושלוות נפשו** - אז ביי הקב״ה וועט א איד טרעפן מנוחה און שלוה ווייל עס וועט זיין קלאר ביי אים אז יעדער זאך האט א חשבון, און אינדעם כלל גייט אריין אויך דער חלק פון **כי לא יעברנו חוקו אל זולתו. ב. ולא יקדים ולא יאחר מהזמן שנגזר לו.** אז אלעס וועט קומען אין די ריכטיגע מינוט, אין די באשטימטע רגע ווען עס איז פאסיג פאר אים און פאר זיין טובה וועגן.

דער רבי רירט אן צוויי נקודות וועלכע שטערן דעם מענטש אנצוקומען צו מנוחת הנפש, איין נקודה איז די דערמאנטע נקודה פון 'צייט', אז אויך די צייט איז אנגעשריבן פון אויבן, די אנדערע נקודה איז דער '**לא יעברנו חוקו אל זולתו**'.

אויך דאס דערוועקט ביי דאגה ביי מענטשן, דער מענטש לעבט אין פחד. ער ציטערט אז א צווייטער גייט אים אויסכאפן, ער גייט זיך פעדערן אויף אים, ער גייט צונעמען פון אים וואס עס קומט אים.

די מפרשים אין חובת הלבבות צייכענען צו די גמרא אין יומא דף ל״ח **אמר בן עזאי, בשמך יקראוך ובמקומך יושיבוך, ומשלך יתנו לך, אין אדם נוגע במוכן לחבירו, ואין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלוא נימא.**

בן עזאי זאגט פאר'ן איד אז וואס עס איז באשערט פאר דיר וועט אנקומען! דיין זארג איז אומזיסט. אז עס איז אוועקגעלייגט פאר דיר א פאסטן וועט עס קיינער נישט צונעמען אפילו אויב עס זעט אויס אזוי, און אויב דער צווייטער באקומט עס איז א סימן אז עס איז נישט דיינער, און ווי עס איז דער לשון פון חז״ל **בשמך יקראוך ובמקומך יושיבוך** - ווייל וואס עס איז דיינס וועט אייביג אנקומען צו דיר.

עס איז אזוי ביים פשוטער איד, און עס איז אויך אזוי ביי א מלכות ווייל אֵין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלוא נימא.

חז״ל דערציילן אונז אז דוד המלך האט געבעטן הקב״ה ער זאל אים אויסזאגן וועלכער טאג וועט ער נסתלק ווערן פון די וועלט.

הקב״ה האט אים געזאגט, 'שבת', האט אים דוד געבעטן ער זאל עס אפרוקן אויף זונטאג - האט אים הקב״ה געזאגט איך קען נישט - ווייל אֵין מלכות נוגעת, און זונטאג איז שוין די מלכות פון דיין זון.

מיר קענען נישט 'מקדים' זיין די 'מאוחר', און נישט 'מאחר' זיין די 'מוקדם'.

יעדער זאך האט א חשבון, אויך די צייט, וואס עס איז באשערט קומט זיך פאר דיר, אז דו וועסט לעבן אזוי וועסטו זיך שפאָרן אסאך הארצווייטאג און הארץ עסעניש און זוכה זיין צו לעבן א לעבן במנוחה ובשלוה.

**[ארויסגענומען פון שיעור 191 אין שער הבטחון]**

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### האב אמונה אין דיר אליין!

יעדער איד וואס לייענט די 'יזכור' מעשה וואס ווערט אראפגעברענגט אין די היינטיגע גליון שפירט א ציפ אין הארץ.

ביי יעדן איינעם קומט דער 'ציפ' פון אן אנדערע ריכטונג.

ביי איינעם איז עס דער פחד ווי הארב עס איז ווי צו טון א איד, ביי א צווייטן איז עס די נקודה אז אויך דער איינזאמער איד וויל אז מ'זאל אים געדענקען אויף דעם עולם, אבער איך וויל ענק מיטטיילן מיט די נקודה וואס האט מיר דאס מערסטע געכאפט אין די מעשה.

מיר האט די מעשה אוועקגעפירט אין א צווייטע ריכטונג, מיר האט עס געמאכט טראכטן איבער די כח פון א איד און זיין גרויסקייט.

עס גייט אוועק אן איינזאמער שטילער איד פון די וועלט, ער שיידט זיך פון די פיר עקן פון די וועלט און גייט ארויף למעלה.

ער איז שוין אויפ'ן וועג ארויף און ער טראכט אזוי צו זיך, ווער בין איך? וואס לאז איך איבער אויף די וועלט? יא, עס איז דא די גדולי התורה וואס האבן איבערגעלאזט א שטארקע איינדרוק אויף די וועלט, עס איז געווען א 'רמב״ם', א 'חתם סופר', זיי האבן איבערגעלאזט א פולע ספרים שאפע, עס איז דא אן אר״י הק' און א בעש״ט וואס האט אראפגעברענגט א פרישער אור אויף די וועלט, אבער איך, ווער בין איך? וואס האב איך איבערגעלאזט אויף די וועלט?

אבער די מעשה איז אונזער מלמד אז ניין! עס איז נישט דא אזא זאך 'סתם' א איד! א צווייט קלאסיגער איד, יעדער איד איז א זאך.

נישט נאר יעדער איד איז א זאך, אויך יעדער ״יזכור״ פון א איד איז חשוב און האט א פלאץ למעלה.

עס איז זיכער אז דער איד זיצט אויף א גוטער פלאץ למעלה.

זיין לעבן איז געווען איין לאנגער קייט פון צרות ועגמות נפש, ער האט אוועקגעגעבן זיין גאנצע פארמעגן פאר צדקה, ער האט מיטגעמאכט בזיונות און אנדערע יסורים, אבער אויף זיין 'יזכור' איז ער נישט מוותר, ער דארף די 'יזכור' דאהי, אויף די וועלטל, ווייל א איד אויף די וועלט האט א מורא'דיגע כח! און עס מאכט נישט אויס וועלכער איד און וואו מען האלט - ווייל יעדער איד איז א קינד צו הקב״ה.

בשם דער בית אהרן פון קארלין זאגט מען נאך אז ער האט געזאגט אז די סיבה פארוואס א איד שטייגט נישט אין עבודת ה' איז ווייל ער איז נישט מחשיב זיינע פעולות.

אסאך אידן ווילן שטייגן, זיי ווילן ווערן בעסער, אבער זיי בלייבן וואו זיי זענען, זיי זענען שטעקן געבליבן.

פארוואס טאקע? וואס איז דער סוד? דער בית אהרן אנטפלעקט דיר דער סוד, די סיבה פארוואס דו שטייגסט נישט איז ווייל דו גלייבסט נישט אין דיר אליין.

גלייב אין דיר אליין! האב אמונה אין דיינע כוחות, אין די כלים וואס הקב״ה האט דיר געגעבן, גלייב אז יעדע מצוה וואס דו טוסט שאקלט וועלטן און דו וועסט שטייגן מעלה מעלה.

בשם דער הייליגער צדיק רבי שלמה קארלינער זי״ע זאגט מען נאך אז די גרעסטע יצר הרע וואס א מענטש האט איז אז ער פארגעסט אז ער איז א בן מלך!

מידה טובה מרובה, אז מען געדענקט פון וואו מען קומט, ווער מיר זענען, קען מען שטייגן.

מיר האבן באקומען כוחות, מיר קענען שאקלען וועלטן, מען דארף עס וויסן, ווייל אז מען וועט עס וויסן - וועט מען קענען שטייגן מעלה מעלה.

לאמיר נוצן אונזערע כוחות און ארויפגיין אויפ'ן לייטער און זיך דערהייבן מעלה מעלה.

**גוט שבת! פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

### ניצול געווארן פון די שאדן - אדאנק די חסד

איך הייס יונתן, איידער איך גיי דערציילן די מעשה וואס כ'וויל דא דערציילן וויל איך מיטטיילן וואס איך טוה פאר פרנסה.

אסאך מענטשן זענען עוסק אין פארשידענע פאכן פאר פרנסה, איך האב אן אינטערעסאנטער סארט פרנסה, איך האב א גרויסער גארטן און אין די גארטן האדעווע איך בעלי חיים.

עס איז א מיני פארעם, איך האב אין איר ציגעלעך, האזעלעך און נאך אנדערע בעלי חיים.

עס איז א שטיקל פרנסה, מענטשן קומען מיט די קינדער, מען באזוכט עס, מען מאכט היימישע ציגן מילעך און מען מאכט פון דעם א שטיקל פרנסה.

איין טאג רופט מיר א איד אן און בעט מיר צי איך קען אים טון א טובה. דער איד דערציילט אז ער האט אנגעהויבן האדעווען ביי זיך אין שטוב האזעלעך אז די קינדער זאלן זיך קענען אונטערהאלטן מיט זיי.

די האזעלעך זענען אונטערגעוואקסן און זיי בייסן די קינדער, ער האט מיר געפרעגט צי עס שטערט מיר זיך צו טוישן, ער וועט מיר געבן די אלטע און כ'וועל אים געבן די נייע, די יונגע.

איך האב געטראכט א מינוט און געקלערט אז כ'דערלייג דאך גארנישט פון דעם, ער פארדינט נאר, אז מען קען טון א טובה פאר איד וואס איז דא בעסער פון דעם? עס איז געשמאק צו העלפן א צווייטן און עס איז אויך א מצוה.

איך האב מסכים געווען. דער איד איז אריבערגעקומען מיט די קינדער, מען האט ארומגעטוישט די האזעלעך און ער האט שוין געוואלט אהיימגיין.

איידער ער איז ארויס פון צימער געט מיר דער איד א זייטיגע פרעג וואס טוה איך ווען עס רעגענט?

"עס איז יעצט אייר, יעצט רעגענט נישט, ווען עס וועט רעגענען וועל איך שוין זען וואס כ'האב צו טון".

אבער דער איד זאגט מיר אז ער האט געהערט די וועטער און מען רעדט היינט ביינאכט פון שווערע רעגענס.

הערדנדיג אז עס גייט רעגענען, בין איך געווארן באזארגט, א טאג פריער האב איך באשטעלט א גאנצע סטאק פון היי צו פיטערן די ציגן. אזא סטאק קאסט אפ טויזנט שקל [בערך $330] און אויב עס ווערט נאס עסן עס נישט די ציגן.

### יזכור אלוקים - סיגנאל פון יענע וועלט

אין ברען פון די מעכטיגע הדלקה לכבוד התנא האלקי רשב"י אין די שטאט קרית יואל ווען ביידנס אויגן זענען ברייט אפען און פארוואונדערט.

די פאלגענדע מעשה איז א מורא'דיגע געשיכטע וואס איז לעצטענס אנטדעקט געווארן און האט אנגעמאכט א שטורעם.

די מעשה האט זיך אנגעהויבן וועבן ביי א שמועס פון הגה"צ אב"ד סעליש פון ירושלים הגה"צ ר' שלום קליין שליט"א האט גערעדט מיט זיינער א באקאנטער ר' יחזקאל.

"איך האב אייביג געוואוסט אז מיין טאטע האט געהאט א פעטער וואס מען האט גערופן עוזר בן ר' שלום קליין".

דער איד האט געשפינט די לעבנסגעשיכטע פון דעם איד, שילדערנדיג אז איידער די קריג האט ר' עוזר געהאט א שטוב מיט קינדער און זיי פארלוירן ביי די קריג. נאך די קריג איז ער געבליבן עלענד אליין. ער האט געלעבט ביז צו די יאר תשמ"א און דאן איז ער אוועק פון די וועלט.

"איידער מיין טאטע איז אוועק פון די וועלט אין יאר תשנ"ב, האט מיין טאטע מיר געבעטן צי איך קען זאגן 'יזכור' פאר'ן פעטער. איך האב דאך סיי ווי סיי געזאגט פאר מיינע עלטערן האב איך צוגעזאגט אויך פאר אים".

"די יאר, שילדערט ער ווייטער, בין איך שביעי של פסח געווען אין שפיטאל. איך האב געהאלטן נאך א שווערע אפעראציע און נישט האבנדיג די כוחות איז דער זאך ארויסגעפלויגן פון קאפ".

נאר נאך יום טוב האב איך זיך דערמאנט, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. יעצט איז געקומען די צייט צו הערן די צווייטע טייל פון די געשיכטע.

"די יאר שביעי של פסח ביינאכט האב איך געהאט א מורא'דיגע חלום". הייבט אן ר' יחזקאל זיין געשיכטע.

"דער זעלבער ר' עוזר פון וועמען דו רעדסט האט זיך באוויזן צו מיר און מיר אנגעזידעלט זאגנדיג אז ער קען מיר נישט פארגעבן ווייל איך האב אים אסאך געטשעפעט בחיים חיותו. מיין איין תנאי איז ער מיר מוחל, אז איך וועל מארגן 'אחרון של פסח' דערמאנען זיין נאמען ביי יזכור".

יעצט אז דו דערציילסט מיר דיין חלק פארשטיי איך שוין אלעס, איך פארשטיי שוין פארוואס ער איז געקומען צו דיר".

די בילד האט זיך אנגעהויבן צוזאמענשטעלן און ביידע האבן זיך דערמאנט פון ר' עוזר.

אינאיינעם האבן זיי געלערנט אין די ישיבה, דער סעלישער רב און ר' יחזקאל, די ישיבה איז געווען אין באר שבע, אין שפיץ פון די ישיבה איז געשטאנען הגה"צ רבי אליעזר קליין זצ"ל דער זיידע פון דער סעלישער רב.

אין באר שבע איז געווען אסאך ישיבות, אבער עס האט געפעלט א ישיבה אויף אידיש.

מען האט אויפגעשטעלט די ישיבה, אבער עס האט זיך אויסגעפעלט א בנין פאר די ישיבה. אין די שטאט איז געווען א איד מיט'ן נאמען ר' אהרן סאכאלאווסקי ז"ל וואס האט געהאט א גרויסע און א שיינע ברייטע דירה, ער איז געווען גרייט עס אוועקצוגעבן, אבער ער האט געהאט איין תנאי, ער האט געוואלט אז מען זאל אים געבן א דירה אין אויסטויש.

און דא איז אריינגעקומען ר' עוזר אין בילד.

ר' עוזר, אן עלענדער איד, האט מסכים געווען אוועקצוגעבן זיין דירה, און קומען וואוינען אין ישיבה פאר ר' אהרן.

די שידוך איז געווארן, און ר' עוזר איז געקומען וואוינען אין די ישיבה. טאג טעגליך האט ער געדאווענט אין די ישיבה, זיינע תפילות האבן זיך געצויגן שעה'ן לאנג, מען האט קוים געענדיגט שחרית און ער האט זיך שוין געדארפט שטעלן מנחה.

נישט אלע אין די ישיבה האבן אים געשעצט, צווישן זיי איז געווען ר' יחזקאל וועלכער האט אים געטשעפעט און אים קיינמאל נישט מפייס געווען בחייו.

יעצט איז ר' עוזר געקומען בעטן ער זאל אים געדענקען ביי יזכור.

די מעשה לערנט אונז אסאך, אויך איבער די גרויסקייט פון מצער זיין א איד

### מפיצים אמונה ומחיים נפשות

מיט א האלב יאר צוריק איז איינער פון אונזער משפחה געווען אין א שווערע געזונט צושטאנד. ער האט געדארפט זיין א לענגערע צייט אין שפיטאל. עס איז געווען א שווערע איבערלעבעניש פאר אונז, פאר די משפחה, מיר האבן זיך זייער געמוטשעט מיט דעם. אין יענע צייט האבן מיר אנטדעקט אייערע טעלעפאן ליניע און די רייכע און אינהאלטסרייכע מאטעריאל און זיך איינגעהערט צו איר. מיר האבן ארויסגעשעפט פון איר אסאך חיזוק און מיר ווילן זיך באדאנקען פאר אייך פאר איר.

### מפיצים אמונה ורואים ישועות

מיט א חודש צוריק בין איך געשטאנען פאר א שווערע אויגן אפעראציע. מיר זענען געווען זייער באזארגט וועגן דעם. זייטיג צו די שווערקייט האט אויך געהויערט אויף אונז א גרויסע סכנה. אין יענע טעג האבן מיר אסאך מתפלל געווען אבער זוכנדיג זכותים האבן מיר אויסגעוועלט די זכות ארויסצוהעלפן מפרסם צו זיין די אמונה. מיר האבן תורם געווען א שיינע סומע פאר די הפצה פון די גליון און ברוך ה' אז די אפעראציע איז אריבער מיט גרויס סוקסעס און די זעה קראפט האט זיך צוריקגעקערט אינגאנצן און איז געווארן היבש בעסער ווי פריער. מיר דאנקען הקב"ה אויף דעם און בעטן הקב"ה א תפילה 'ואל תטשנו ה' אלוקינו לנצח'.

און אויך איבער די כח פון יזכור, וואס עס האט, אז פון יענער וועלט איז ער זיך געקומען בעטן מען זאל אים געדענקען.
זאל די מעשה זיין א עילוי נשמה פאר ר' עוזר בן ר' שלום.

## די נומער ליגט שוין אין מיין טאש

פאר א שטיק צייט איז מיין באבע געווען אין שפיטאל פאר א באהאנדלונג. נישט וועלענדיג אז זי זאל בלייבן דארט אליין האבן מיר זיך איינגעטיילט צווישן זיך. יעדער משפחה האט גענומען א צייט ווען זיי וועלן זיין ביי די באבע.
אויך אויף מיר איז אנגעקומען די רייע. עס איז געווען א ליל שישי נאכט ווען מען האט מיר געבעטן צו זיין אין שפיטאל מיט מיין באבע.
זיין אין שפיטאל איז קיינמאל נישט א געשמאקע זאך אבער מער ווי די אומגעשמאקקייט איז געווען די פחד, איך האב מורא געהאט אז זאכן זאלן נישט ווערן קאמפליצירט, איך האב נישט געוואוסט ווי אזוי איך גיי האנדלען אין אזא צייט.
איידער איך בין אוועק פון דארט האט מיר א משפחה מיטגליד געגעבן א טעלעפאן נומער פון א משפחה מעמבער זאגנדיג אז ער איז אן עקספערט בעניני רפואה און אז איך האב א געזונטהייט פראגע זאל זיך ווענדן צו אים.
ברוך ה' אז די נאכט איז אריבער על מי מנוחות און איך בין אהיימגעקומען פון דארט רואיג און צופרידן.
פרייטאג נאכמיטאג, אין די שפעטע מיטאג שעה'ן, איז א שטיקל פון א קינדס אויער רינגל געבליבן שטעקן אין זיין אויער. איך האב זיך זייער דערשראקן, עס איז שוין שפעט ערב-שבת נאכמיטאג, קיין דאקטאר איז שוין נישט דא, עס מיינט אז כ'דארף גיין אין שפיטאל און אפזיצן דארט שעה'ן.
איידער איך טראכט אזוי וואס צו טון דערמאן איך זיך אז איך האב די נומער פון יעדן מומחה. איך האב אים אנגעקלינגען, ער האט גלייך געוואוסט וואס מ'דארף טון, איך האב געלעזט די נושא איינס, צוויי.
איך האב שפעטער געטראכט צו מיר אז עס איז געווען באשערט איך זאל זיצן אין שפיטאל, אבער איך בין עס אפגעקומען מיט'ן זיין ביי מיין באבע.
ווי פלעגט הרה"ק רבי שלמ'קע זוועהילער זאגן, יעדע טריט וואס מען געבט פאר א צווייטן טוט מען פאר זיך.

## ניצול געווארן פון אן אלערגיע

עס איז דא זאכן וואס עס איז העכער די מענטשליכע כוחות, און איינס פון זיי איז די ארבעט אלץ מלמד אין חדר וואו עס איז דא א קינד וואס האט א שארפע אלערגיע.
מיר, די מלמדים, קענען טון וואס מיר קענען, אבער נישט מער ווי דעם, די זאך ליגט אין די הענט פון דעם רבוש"ע.
דאס קינד וועמען מיר ווילן א נאמען געבן משה'לע האט געליטן אויף א שארפע אלערגיע פון מילכיגס. ביי אים איז עס געווען א שאלה פון סכנת נפשות אין פולן זין פון ווארט.
זוכנדיג עס צו פארמיידן, האב איך אנגעזאגט פאר די קינדער, אז מען זאל נישט ברענגען אין חדר קיין מילכיגע עסנווארג און אויב איינער ברענגט יא - זאל ער מיר קומען זאגן.
כמעט יעדן טאג איז דא א קינד וואס ברענגט מילכיגס און ביים עסן זעץ איך נעבן מיר און ער איז נעבן מיר ביז ווען מען ענדיגט עסן.
יענער טאג האט א יונגעל געזאגט אז ער האט א מילכיגע סענדוויטש און איך האב אים געזעצט נעבן און געזעצט משה'לע די צווייטע זייט, צו זיין זיכער ער זאל ווי ווייט אוועק פון די מילכיגס, ווייל יעדע ברעקל שאדט דאך.
משה'לע קומט נעבן מיר, ער נעמט ארויס זיין סענדוויטש, איך כאפ א בליק אויף איר, איך זעה אז אינעווייניג ליגט א שטיקל געלע קעז.
"העי, עס נישט די געלע קעז, עס איז מילכיג".
משה'לע האט גע'טענה'ט אז עס איז פארעווע, עס איז נאר נאכגעמאכט, אבער איך בין נישט געווען רואיג, איך האב גלייך אריינגעקלינגען זיין טאטע און ער האט רעאגירט מיט שרעק.
"ס'איז געשען א טעות, ראטעוועט".
עס האט זיך אויסגעשטעלט אז מען האט אריינגעלייגט זיין שוועסטער'ס סענדוויטש אין זיין טאש.
ברוך ה' אז מען האט עס פארמיטן אין די לעצטע רגע.

איך האב עס באדעקט און איך בין אהיימגעגאנגען. יענער נאכט האט זיך טאקע ארופגעלאזט א שלאקס רעגן. אבער די היי איז געבליבן טרוקן. איך האב זיך געפרייט אז כ'האב געטון א טובה פאר'ן איד, אדאנק דעם בין איך ניצול געווארן פון א גרויסער שאדן.

## אן אלטע וואש מאשין פון 17 יאר

עס איז דא זאכן וואס מ'קויפט יעדע טאג, ברויט, מילעך, גרינצייג, אבער א וואש מאשין איז נישט פון די זאכן.
ווען איך האב זיך געגרייט צו קויפן א וואש מאשין האב איך געמאכט חקירות ודרישות וועלכע איז א גוטע און א שטארקע פירמע.
נאכ'ן באצאלן און באשטימען אויף א פירמע, האב איך נאך אמאל געפרעגט דעם פארקויפער: ווילאנג אזא מאשין דארף האלטן?
"איך ווייס נישט קיין דאטומ'ס, אבער אויב עס וועט זיך צוברעכן נאך צען יאר - דארפסטו נישט איבערקוקן די מזוזה'ס".
ער האט מאריך געווען צו רעדן איבער די הייניטיגע מאשינען, אז זיי האלטן נישט לאנג און מען דארף זיי האלטן אין איין טוישן.
למעשה האט די מאשין געהאלטן ביי מיר 17 יאר.
וואס איז די מעשה? לאמיר ענק דערציילן.
מיט יארן צוריק האב איך זיך געמאכט א קבלה טובה אז ערב-שבת נאכמיטאג וואש איך נישט קיין וועש, ביז חצות וואשט מען, נאך חצות רירט מען נישט אן די וואש מאשין.
עס איז נישט קיין הלכה, עס איז א געפיל זאך, אבער ברוך ה' אז איך האב געקענט שטיין אין דעם.
עס האט זיך געמאכט ערמעדזשענסי'ס, אבער איך האב זיך געהאלטן אייזן שטארק און נאך חצות האט מען נישט געוואשן קיין וועש. מען האט זיך אלעמאל אן עצה געגעבן אבער מען האט נישט געוואשן קיין וועש.
אזוי לאנג ווי די קבלה איז געווען ביז'ן סוף, האט די וואש מאשין געארבעט פיין.
עס האט געמאכט גערודער, מיר האבן גערופן טעכניקער, יעדער האט מספיד געווען די מאשין זאגנדיג אז עס איז צו אלט, אבער עס האט געארבעט.
אין פרייטאג איז א קלייד געווארן שמוציג, עס איז געווען א פלעק וואס אויב מען וואשט עס נישט גלייך קען עס בלייבן, איך האב זיך מקיל געווען און די המשך שטעלט איר זיך אליין פאר.
דעם נעקסטן זונטאג האט דער מאשין אויפגעהערט צו ארבעטן.
די מעסעדזש איז געווען קלאר.


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.
מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.
אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט
פארבינדט זיך מיט אונז
אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים
**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** |דריקט 6

| העברה לבנק לאומי | משלוח בדואר | בעמדות נדרים פלוס |
| --- | --- | --- |
| סניף 902 \| חשבון 57390056 | לת.ד. 5475 ירושלים | ע"ש השגחה פרטית |

# לשונם הזהב
## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### בני חיי ומזוני בזכותא תליא מילתא

חז״ל דערציילן אז די אמורא **רבי אלעזר בן פדת, דחיקא ליה מילתא טובא** איז געווען זייער ארעם און זייער דחוק. איינמאל **עבד מלתא** האט ער געדארפט מקיז דם זיין און נאך דעם איז ער געווען זייער שוואך פון די הקזה, ער האט געמוזט עפעס עסן אז ער זאל זיך קענען דערהאלטן ביים לעבן **ולא הוה ליה מידי למטעם** אבער ער האט נישט געהאט וואס צונעמען אין מויל אריין, **שקל ברא דתומא ושדייה בפומיה** האט ער גענומען א שטיקל קנאבל און עס אריינגעלייגט אין מויל **חלש לביה ונים** איז ער שוואך געווארן און גע׳חלש׳ט, **אזול רבנן לשיולי ביה** זענען די חכמים געגאנגען זען וואס ער מאכט, **חזיוהו** האבן זיי אים געטראפן דרימלען **דקא בכי וחייך** אינמיטן דרימל האט ער געוויינט און געלאכט **ונפק צוציתא דנורא מאפותיה** און עס איז ארויס א פינק פייער פון זיין שטערן.

**כי אתער** ווען רבי אלעזר האט זיך אויפגעוועקט פון זיין חלשות **אמרו ליה** האבן אים די חכמים געפרעגט **מאי טעמיא קבכית וחייכת** פארוואס האסטו געוויינט און געלאכט? **אמר להו** האט ער זיי געענטפערט **דהוה יתיב עמי הקב״ה** ווייל הקב״ה איז געזעסן מיט מיר **ואמרי ליה** און איך האב אים געזאגט **עד מתי אצטער בהאי עלמא** ווי לאנג וועל איך זיך נאך מצער זיין אויף די וועלט? **ואמר לי: ״אלעזר בני, ניחא לך דאפכיה לעלמא מרישא** האט מיר הקב״ה געענטפערט אלעזר, מיין קינד, צי ווילסטו אז איך זאל איבערדרייען די וועלט וועגן דיר? **אפשר דמתילדת בשעתא דמזוני** אפשר אז אויב כ׳וועל איבערדרייען די וועלט וועסטו געבוירן ווערן אין א בעסערע מזל און וועסט נישט זיין אזוי געדרוקט **אמרי לקמיה** האב איך געזאגט פאר הקב״ה: **״כולי האי ואפשר״** כולי האי - אזא גרויסע זאך דארף מען טון און דאך איז עס נאך אן אפשר.

**אמרי ליה** האב איך געפרעגט הקב״ה: **דחיי טפי או דחיינא** די יארן וואס כ׳גיי נאך לעבן איז מער ווי די יארן וואס כ׳האב שוין געלעבט? **אמר לי ״דחיית״** האט מיר הקב״ה געזאגט אז די יארן וואס כ׳האב שוין געלעבט איז מער ווי וויפיל כ׳גיי נאך לעבן.

**אמרי לקמיה** האב איך געזאגט פאר הקב״ה **אם כן לא בעינא** אויב אזוי וויל איך נישט אז דו זאלסט איבערדרייען די וועלט וועגן מיר און וועגן די ווערטער האב איך געוויינט, ווען הקב״ה האט מיר מבשר געווען איבער די עולם האב איך געלאכט.

**אמר לי בהאי אגרא דאמרת לא בעינא** האט מיר הקב״ה געזאגט אין די שכר וואס איך האב געזאגט אז כ׳וויל נישט, **יהיבנא לך** געב איך דיר **לעלמא דאתי** אויף יענע וועלט **תליסרי נהרוותא דמשחא אפרסמון דכיין כפרת ודיגלת דמענגת בהו** דרייצן טייכן פון ריינע אפרסמון אויל וואס איז אזוי גרויס ווי די טייך פרת און חדקל, אז דו זאלסט זיך קענען ארומוואשן אין איר און זיך מתענג זיין אין איר. **אמרי לקמיה** האב איך געפרעגט הקב״ה: **האי ותו לא** און דאס איז עס? עס איז נישט דא נאך? **אמר לי** האט מיר הקב״ה געזאגט: **ולחברך מאי יהיבנא** אויב איך וועל דיר געבן אלעס וואס וועל איך געבן פאר דיינע חברים? **אמרי ליה** האב איך געזאגט פאר הקב״ה: **ואנא מגברא דלית ליה בעינא** צי בעט איך דען פון איינער וואס האט נישט, איך בעט דאך פון דיר, וואס דו האסט אלעס, דו קענסט געבן אלעס פאר מיר און פאר מיינע חברים. ווען כ׳האב עס געזאגט פאר הקב״ה **מחיין באסקוטלא אפותאי** האט הקב״ה מיר געגעבן א קלאפ אויף מיין שטערן און דאן איז ארויס פון מיין שטערן א פונק פון פייער **ואמר לי** און ער האט מיר געזאגט קלאפנדיג אויף די שטערן בדרך חיבה **אלעזר ברי** מיין זון **גירי בך גירי חיצי בך חיצי**.

(מסכת תענית דף כה ע״א)

### תפילה איז העכער פון מזל

באור המאמר בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא מילתא, אלא במזלא תליא מילתא, הוא, שבא להודיענו כמה גדול כח התפלה, כי מאחר שכח הש״י עליון על הכל ולא הושלל ממנו, יכול הוא ונקל לבטל כחם הגדול אשר מסר להם, כי חכמי התכונה חוזים בכוכבים מודים בכך בטענות שהקב״ה הוא הכלל ומערכת הכוכבים הוא הפרט, והכלל גדול מן הפרט ויכול לבטל כחו, ובכל מה שנגזר במקרי האדם מכח המערכה אפשר לו לאדם לבטלו בזכותו בלא תפלה ובלא צעקה כלל אלא שידאג ויצטער בלבו, כענין שכתוב (תהלים קמה) רצון יראיו יעשה, כלומר שהוא ממלא משאלות לבם בלא שישאלו כלל. אבל בשלשה ענינים אלו צריך תפלה וצעקה.

(רבינו בחיי דברים לא, יד)

### מען קען טוישן די מזל

ונראה עומק הענין, כאשר אמר לו הש״ית שאי אפשר לשנות המזל קבל הדברים, שהרי כך הסדר שחיות הקודש שהם סדר הנהגת הטבע משׁשת ימי בראשית מפסיקות בין האופנים שהם נשמת עולם הזה ובין כסא כבודו יתברך. ואמנם כאשר אמר לו על העולם הבא ולחברך מאי יהיבנא היינו שיש גבול על זה טען שרוצה עוד, מפני שאדרבא ישראל עומדים למעלה מן החיות וקרוב לכסא ואינם מוגבלים לטבע החיות, ... ועל זה אמר לו הקב״ה גירי בך גירי, אע״פ שהיה בלשון חדוה, סוף סוף יש כאן רמז של תלונה, והתלונה לא היתה על מה שאמר ברגע זה, אלא כמו הזורק חץ למרחוק, היינו על מה שאמר קודם, למה הסכים כאשר אמרו לו שאי אפשר לשנות את המזל, וכי שונה העולם הזה מהעולם הבא, כשם שבעולם הבא הכל ביד השם, ואין שום הגבלה, כך בעולם הזה.

(ברכות בחשבון להגר״ש פינקוס זצ״ל עמוד פא)

# א פינטעלע ליכטיגקייט
## אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

דער הייליגער רבינו יונה אין שערי תשובה שרייבט [א. לא] אז ווען א איד צוברעכט זיין תאוה, אפילו ביי דברים המותרים, וועט זיין שכל ווערן שטערקער און ווי עס איז לשונו בקודש דארט: ״כאשר ישבור אדם תאותו גם בדברים המותרים, בזה תצלח הנפש והמדה הזאת תערב לה, כי ירים השכל ידו וגבר״ עכ״ל.

מיר זענען אראפגעקומען אויף די וועלט צו לעבן בהתרוממות, זיך צו דערהייבן העכער פון וואס מיר זענען יעצט, צו ווערן א העכערער מענטש.

ווען א מענטש שטארקט זיך איבער די תאוה ווערט ער העכער אבער ער פארדינט נאך א זאך - ער ווערט זייער מסופק - ער שפירט זיך גוט און צופרידן.

מערערע מאל האב איך זוכה געווען צו זען מיין רבי ר׳ גרשון ליבמאן זצ״ל עסן. אין יעדע עסנווארג וואס ער האט געגעסן האט ער אריינגעמישט קארנפלעקס, אז די עסן זאל נישט האבן קיין טעם וריח.

אבער דאס מערסטע וואס עס האט מיר באנומען, איז געווען די שמחה וואס ער האט געהאט ווען ער האט עס געטון.

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור
## פון הרה״צ ר׳ יהודה מאנדעל שליט״א פון לעיקוואד
## די אמת׳ע וועג צו מנוחה און צו ׳רוממות הנפש׳

ער איז געווען גליקליך אז ער קען זיין שטערקער ווי זיין נאטור, אז ער קען זיך צוברעכן זיין תאוה.

די תוה״ק באטיטלט דער נזיר מיט א מורא׳דיגע טיטול, ער רופט אים אן קודש לה׳.

וואס געבט פאר׳ן נזיר דער טיטל? איין זאך - ער דערווייטערט זיך פון זאכן וואס ער מעג טון.

וועגן דעם אליין איז ער א קדוש!

דאס איז אונזער תפקיד אויף די וועלט - זיך איינצוהאלטן ווי מער פון ׳מותרות׳.

איך האב אמאל געהערט פון דער צדיק רבי חיים מרדכי וויינקראנץ זצ״ל אז די עיקר פון עבודת המידות איז שולט צו זיין אויף זיך אליין.

די ווארט ׳נזיר׳ איז מלשון ׳נזר׳ ווייל דער נזיר איז ווי א קעניג, ער ווערט ווי א קעניג, ער ווערט ווי די כהן גדול. דער כהן גדול טאר זיך נישט מטמא זיין - ער איז זיך אויך נישט מטמא.

ווער עס איז שולט אויף זיך דער לעבן במנוחה און מיט שמחה - ווייל דאס איז דער שליסל צו התרוממות און שמחה.



# קלינג אריין
# שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע אידן פון די גאנצע וועלט
**לעבן א בעסערע און א געשמאקערע לעבן**
אדאנק די השגחה פרטית ליניע

**זיי דו אויך פון די גליקליכע - מאך דעם טעלעפאן קאלל**
און הייב אן לעבן א רואיגערע און באַטעמ׳טע לעבן פול מיט מנוחת הנפש און ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
+972-30-11-300,
**פון ארה״ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633